לייב ראַשקין

# די מענטשן פֿון גאָדלבאָזשיץ

## קאַפּיטל 1

### ייִחוס

דער זיידע איז געווען אַ דאָרפֿס-ייד בן דאָרפֿס-ייד. זײַן מלבוש כּל-ימו[1], סײַ זומער, סײַ ווינטער – אַ וואַטאָווע קאַפּאָטע, באַשלאָגן מיט אַ שטאַרק צײַג, נישט צום צערײַסן. געריבן האָבן זיך געוויינטלעך בלויז די עלנבויגנס. די באָבע, אַ ציכטיקע, פֿלעגט נישט קאָנען צוזען ווי די ברודיקע וואַטע קריכט אַרויס פֿון די לעכער – „בעסער אַ מיאוסע לאַטע איידער אַ שיין לאָך“ – פֿלעגט זי אויסשערן אַ לאַטע פֿון אירס אַן אַלטן שפּאַנצער, אײַנפֿעדעמען אַ גראָבע נאָדל-פֿאָדים – און דעם זיידנס מלבוש האָט ווידער אָנגעהויבן פֿירן אַ נײַ לעבן.

פֿונדעסטוועגן האָט דער זיידע איבערגעלאָזט אַ נישקשהדיקע ירושה. אַחוץ געלאַטעטע שפּאַנצערס און קאַפּאָטעס, זענען געבליבן: צוויי מילן, אַ פֿײַן חלק פֿעלד, אַ ביסל מטלטלים,

בהמות, פֿערד, און חוץ דעם – אַ היפּש ביסל חובות ביַי שיינע שטעטלדיקע ייִדן, גראָבע טויזנטער, און דאָס אַלץ – גמילת־חסדים, וויַיל אויף פּראָצענט האָט דער זיידע נישט געגעבן.

דער זיידע פֿלעגט פֿאַרציילן, אַז דאָס אַלץ האָט ער אויסגעאַרבעט מיט זיַינע אייגענע הענט, אַז פֿון זיַין טאַטן, פֿון עלטערזיידן, הייסט עס, האָט ער גאָרנישט געירשנט. אדרבה, דער עלטערזיידע, וועלכער איז געווען אַ פּאַכטער ביַים אַלטן פּריץ, איז געווען אַזאַ אָרימאַן, אַז ער האָט קיין מאָל נישט געהאַט צו באַצאָלן די ראַטע פֿאַר דער אַרענדע. ווען דער פּריץ איז געווען אין כּעס, פֿלעגט ער הייסן דעם קאָזאַק שמיַיסן, און ווען ער האָט געהאַט אַ גוטע מינוט, דער פּריץ, פֿלעגט דער זיידע זינגען מה־יפֿית[2]. אַרויסגעוואַרפֿן זיַין ייִדל פֿון קרעטשמע – האָט דער פּריץ קיין מאָל נישט.

און כאָטש דער זיידע איז געווען אַ ייִד אַ פּשוטער, און ליגנט איז געווען וויַיט פֿון אים, איז אָבער דאָך אַ סבֿרה, אַז דעם זיידנס אַרויפֿאַרבעטן זיך ציט זיַין אָנהייב פֿון עלטערזיידנס מה־יפֿית. ער, דער זיידע, האָט טאַקע איין מאָל פֿאַרציילט, אַז דער פּלאַץ, אויף וועלכן ס׳שטייט דאָס געמויערטע הויז ביַי דער מיל, האָט דער עלטערזיידע באַקומען געשענקט פֿון פּריץ, צוזאַמען מיט דער אַלטער הילצערנער היַיזקע.

און געשען איז דאָס אויף אַזאַ אופֿן:

איין מאָל קומט צוריק דער פּריץ צוזאַמען מיט זיַינע געסט פֿון יאַגד. דער עולם איז גוט אויפֿגעלייגט: זיי האָבן געשאָסן אַ מחנה פֿייגל, האָזן און אַנדערע חיות. מען עסט, מען טרינקט. און ס׳איז געווען – כּטוב לב הפּריץ ביַין[3], זאָגט ער צום קאָזאַק, זיַין דינער: „די אותו רגע זאָלסטו מיר אַהערברענגען מיַין ייִדל ירוחם!“ –

אַזוי האָט דער עלטערזיידע געהייסן. – דער עלטערזיידע קומט אַריַין, אַן איַינגעבויגענער אין דריַיען און אַ ציטערנדיקער, זאָגט צו אים דער פּריץ: – ירוחמקע, ירוחם! אַז דו וועסט מיר טאַנצן מה-יפית אָט דאָ אויפֿן טיש, אין בלויזן העמד, שענק איך דיר אַוועק, איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל, דיַין קרעטשמע צוזאַמען מיטן פּלאַץ, אויף וועלכן זי שטייט...

און ער האָט זיך צעלאַכט, דער פּריץ – שוין אַ פּנים געווען גוט שיכּור – און די איידעלע דאַמען האָבן מיטגעלאַכט.

נו, וואָס מיינט איר, וואָס? דער זיידע ירוחם קלערט נישט לאַנג, וואַרפֿט פֿון זיך אַראָפּ דעם שפּאַנצער – עפּעס אַ קליינינקייט צו האָבן אַ קרעטשמע אייגנס און נישט דאַרפֿן מער ווערן אויסגעריסן מיט דאגות וועגן צינדזן! – און ווען דער עלטערזיידע ירוחם איז געקומען צום טלית-קטן מיט די שוואַרצע פּאַסן און אָנגעהויבן וואַרפֿן מיט די לאַנגע ציצות, האָט זיך איינע פֿון די אָנווערזנדיקע איידעלע דאַמען דערשראָקן, ווי פֿאַר כּישוף, פֿון גרויס שרעק אַרויסגעלאָזט אַ קוויטש און געפֿאַלן אין חלשות.

די געסט, אַלץ גרויסע פּריצים, האָבן זיך פּלוצלינג אויסגעניכטערט און ברוגז געוואָרן אויפֿן באַלעבאָס פֿאַר דער שרעק פֿון דער איידעלער דאַמע, געווען באַליידיקט. דער פּריץ האָט זיי קוים מיט גרויס מי איבערגעבעטן פֿאַר דעם שמוציקן ייִד, און דעם גאַנצן צאָרן אויסגעגאָסן אויפֿן עלטערזיידן – געהייסן אים געבן צוואָנציק שמיץ...

אָבער וואָרט האָט דער פּריץ געהאַלטן: די צוגעזאָגטע מתּנה, די קרעטשמע, האָט ער דעם עלטערזיידן געגעבן... אַ שיבוש! אַ קליינינקייט אַמאָליקע פּריצים!...

טײל זאָגן, אַז דעם זיידנס עשירות האָט זיך אָנגעהויבן פֿון אַן אוצר: אַ טאָפּ גאָלדענע רענדלעך, װעלכן דער זיידע האָט אויסגעגראָבן אויפֿן געשענקטן פֿעלד פֿון פּריץ; און געלאָזט האָט דער אוצר װערן באַגראָבן דורכן פּריצס עלטער-עלטער-זיידעס אין די צײַטן פֿון גרויסע מלחמות. ערגעץ-װוּ האָבן זיך אויך געזאָלט געפֿינען סימנים, װי אַזוי דעם אוצר צו געפֿינען. עפּעס געניו האָט מען אָבער פֿון זיידן קיין מאָל נישט געקאָנט געוויר װערן. אויף אַלע שפּיצלעך אים אַרויפֿצופֿירן אויף דער מעשה מיטן אוצר, האָט דער זיידע געענטפֿערט מיט אַ געהײמנישפֿול שװײַגן. ער האָט נאָר בלויז דערציילט, אַז אויף זײַנע װעגן האָבן זיך אים אָפֿט געטראָפֿן פֿאַרשידענע מציאות. אַזוי האָט ער איין מאָל געפֿונען אַ גרויסן װאַנטוך תּבֿואה, װעלכן ער האָט קוים געקאָנט אַרויפֿלייגן אויפֿן װאָגן; אַן אַנדערש מאָל האָט ער געפֿונען אַ האַק בײַ אַ בוים אין מיטן װאַלד; װידער אַן אַנדערש מאָל – אַ פֿורמאַנישן עמער אין מיטן װעג; און איין מאָל האָט זיך אפֿילו געטראָפֿן אַ מעשה, פֿון װעלכער דער זיידע איז נאָר על פּי נס ניצול געװאָרן מיטן לעבן.

דער זיידע פֿלעגט זיך שטענדיק באַמיען אַהײמצוקומען פֿון שטאָט נאָך בײַ טאָג. איין מאָל אָבער איז אים אויסגעקומען צו בלײַבן אין שטאָט אַ ביסל לענגער װי געװײנטלעך, און װען ער איז געקומען אין װאַלד אַרײַן, איז שוין געװען שטאָק פֿינסטער. פֿאָרט אַזוי דער זיידע אין איין שרעק, װײַל גזלנים פֿלעגן גראַסעװען[4] אין אָט דעם װאַלד. פֿאָרט ער אַזוי און פֿאָרט. פּלוצלינג – סטאָפּ! דאָס פֿערד האָט זיך אָפּגעשטעלט. שרײַט דער זיידע װיאָ! גיט אַ שמיץ, אָבער דאָס פֿערד שטייט. קריכט דער זיידע אַראָפּ פֿון דער פֿור, אַ קוק-טון, װאָס עס איז געשען.

פֿינסטער איז, טאַפּט ער, טאַפּט – אַ קלאָץ, אַ בוים אין מיטן וועג. דער זיידע איז געווען אַ ייִד אַ גברן, טראַכט ער נישט לאַנג, נאָר הייבט אויף דאָס קלאָץ, כּדי עס אַוועקצורוקן פֿון וועג. ערשט דאָס קלאָץ לאָזט אַרויס אַ קול: „מעע!... מעע!...“ דערשרעקט זיך אַ ביסל דער זיידע, אָבער באַלד כאַפּט ער זיך, אַז דאָס איז גאָרנישט קיין קלאָץ, נאָר... אַ קאַלב, אַ ריזיק קאַלב. טראַכט זיך דער זיידע: אַ כּשרה מציאה, און פּרוּווט אַרויפֿלייגן דאָס קאַלב אויף דער פֿור. ערשט – ס'גייט נישט: דאָס קאַלב איז שווערער פֿון אַ קלאָץ...

קוים מיט צרות, מיט מאַטערניש און מיט פֿאַרשידענע פּויערישע פֿאָרטלען האָט דער זיידע דאָס שווערע קאַלב אַרויפֿגעקריגן אויף דער פֿור. ער האָט אונטערגעשטעלט דעם „פּאָשליאַדעק“[5], אונטערגעשפּאַרט מיט אַ דראָנג און אַזוי אַרום עס אַרויפֿבאַקומען – צו דעם אַלעם האָט ער זיך גוט דערשוויצט. איצט פֿאָרט ער ווײַטער, יאָגט אונטער דאָס פֿערד, און ווען ער קומט שוין צום עק וואַלד, דערשפּירט ער פּלוצלינג, אַז דער וואָגן איז אים גרינג געוואָרן. ער קוקט זיך אום – דאָס קאַלב איז נישטאָ. קריכט דער זיידע אַראָפּ פֿון וואָגן, אַ זוך טון אַ ביסל צוריק, פֿאָרט אַ שאָד אַזאַ טײַערע מציאה! אפֿשר איז עס נישט ווײַט אַראָפּגעפֿאַלן... ערשט – ער דערהערט, דער זיידע, אַ... „כאַ! כאַ! כאַ!...“ און „כאַ! כאַ! כאַ!...“ און „כאַ! כאַ! כאַ! כאַ!...“ – אַ געלעכטער, אַ מענטשלעך געלעכטער, אַז דער גאַנצער וואַלד קלינגט. הייבט דער זיידע אויף די אויגן, דערזעט ער: – אין מיטן וועג שטייט אַ לץ מיט אַן אַרויסגעשטרעקטער צונג ביזן גאַרטל און כיכיקעט... נישט טויט, נישט לעבעדיק איז דעמאָלט קוים דער זיידע אַהיימגעקומען.

און אַז מען האָט געפֿרעגט דעם זיידן, שוין אויף זײַנע עלטערע יאָרן: „זיידע, זאָג ווי אַזוי זעט אויס אַ לץ?“

האָט דער זיידע געענטפֿערט אויסמײַדנדיק:

– הײַנט צו טאָג זענען שוין מער נישט שכיח קיין לצים, „גוטע ייִדן“ האָבן זיי פֿאַריאָגט אין די וויסטע מדבריות... די הײַנטיקע שרעקיקע מענטשן וואָלטן דאָס כּלל נישט אויסגעהאַלטן.

---

זיכער איז איינס: דער זיידע האָט שוין נישט באַדאַרפֿט אָנקומען צום פּריצס חסד. דער יונגער שררה ווידער, דעם אַלטן פּריצס זון, איז שטענדיק געווען אין די אויסלאַנדס, און דאָרטן אין די טעאַטערס געהערט מסתּמא שענערע זמירות, ווי דעם עלטערזיידנס מה-יפֿית. ער, דער יונגער פּריץ, האָט ביסלעכווײַז צעטרענצלט דעם גאַנצן גערשנטן מאַיאָנטעק. אַ ביסל האָט ער פֿאַרקויפֿט, אַ ביסל פֿאַרצעלירט, און אַ ביסל האָבן די פּויערים גלאַט צעריסן; און דער זיידע איז אויך נישט געשטאַנען פֿון דער ווײַטנס מיט פֿאַרלייגטע הענט: די צוויי מילן האָט ער אָפּגעקויפֿט בחצי-חינם, און אַחוץ דעם – פֿעלדער מיט וועלדער...

עס האָט שוין געהאַלטן דערבײַ, אַז דער זיידע אַליין זאָל ווערן אַ גרויסער גוטבאַזיצער, אַ גרויסער פּריץ. נאָר דאָ האָט זיך אַרײַנגעמישט די שטאָט מיט אירע לאָקנדיקע כּיבודים און אַ תּל געמאַכט פֿון זיידנס האָרעוואַניע. דער זיידע, אַ ביסל פּויעריש פֿאַרגרעבט, האָט אָנגעהויבן אויף די עלטערע יאָרן זיך אויסצופֿײַנערן, אויסצואיידלען; און ווען ער האָט צום ערשטן מאָל געהערט די חתן-דרשה אויפֿן ייִנגערן זונס חתונה, האָט ער

זיך געזאָגט: „אַ כּפּרה אַלע פֿעלדער און וועלדער פֿאַר איין וואָרט פֿון דער הייליקער תּורה“.

אָנגעהויבן האָט עס זיך פֿון אַ מצווה. דער זיידע איז געווען אַ גרויסער מכניס-אורח. אויף אים קאָן מען זאָגן, אַז ווער עס איז אַרײַן צו אים הונגעריק, איז אַרויס זאַט. אין זיידנס פֿאָלוואַרק איז געווען אַ ספּעציעלע גרויסע שטוב פֿאַר אורחים. ברויט, פּוטער און זויערמילך איז קיין מאָל נישט אַראָפּ פֿון טיש. ס׳איז נישט געווען אַ ייִד, וועלכער זאָל דורכגיין דאָס דאָרף און נישט אָפּטרעטן – אָפּדאַווענען און אָפּעסן. צו מיטאָג ווידער זענען געווען גרויסע טעפּ באָרשטש. מיט איין וואָרט – פֿאַר הונגער האָט אַ ייִד נישט געקאָנט אויסגיין אין זיידנס דאָרף.

מאַכט זיך אַ מעשה – און דער גרויסער וואַלד-סוחר ר׳ איטשע-וואָלף קויפֿט אין דער שכנות אַ וואַלד. הייבן זיך אָן אין דער אורחים-שטוב שיטן מענטשן: סוחרים, מעקלער און בראַקער. אַלע טאָג לייגט מען אַרויף אויפֿן פּיעקעליק פֿרישע קעז, זיי דערלעבן נישט דאַר צו ווערן, און שוין שלעפּט מען זיי אַראָפּ פֿון דאָרט. חברה בראַקער זענען דאָס שוין איין מאָל אַ חברה קײַער... קיין עין-הרע זאָל זיי נישט שאַטן! – דער זיידע פֿאַרגינט זיי מיטן גאַנצן האַרץ. – אָבער וואָס איז די מעשה, מען זעט נישט אַ מאָל ר׳ איטשע-וואָלפֿן אַליין?... חברה בראַקער מאַכן מינעס: „המ... המ...“ ר׳ איטשע-וואָלף איז נישט עפּעס אַזוי דיר אַ ייִד... פֿון גבירישאַפֿט איז אָפּגערעדט, אָבער מען קער ווִיסן, אַז ר׳ איטשע-וואָלף איז אַ מורה-מורנו, דער גרעסטער למדן אין שטאָט, דער גרעסטער חכם אין שטאָט, אַ ייִד אַ חקרן און אַ גרויסער ירא-שמים. ס׳איז נישט עפּעס אַזוי זיך אַן „איטשע-וואָלף“. דאָס ייִדישקייט איז בײַ אים אויסגעאַרבעט ביזן מינדסטן נעגעלע... זיי,

די בראַקער, זענען שטאַרק מסופק, צי אַזאַ ייִד ווי ר׳ איטשע-וואָלף וועט עפּעס טועם זײַן, אַזוי – מיר נישט, דיר נישט, אין אַ פֿרעמדער שטוב.

אויף דעם האָט דער זיידע געענטפֿערט, אַז בײַ אים איז נישט אַזוי „ מיר נישט, דיר נישט אַ פֿרעמדע שטוב", און אַז אפֿילו אַזאַ ייִד ווי ר׳ איטשע-וואָלף איז אויך נישט פּטור פֿון צוהעלפֿן אַ ייִד מקיים צו זײַן די מצווה פֿון הכנסת-אורחים.

– נו, נו... – האָבן די בראַקער געענטפֿערט מיט ביטול.

האָט זיי דער זיידע דערויף גאָרנישט מער געזאָגט, נאָר איין מאָל זיך אויפֿגעהויבן גאַנץ פֿרי, גענומען זײַן סענקעוואַטן שטעקן אין האַנט אַרײַן און צו צום וועג. גאַנץ לאַנג איז דעם זיידן אויסגעקומען צו וואַרטן, ער האָט פֿאַרגעסן, אַז גבירישע יידן כאַפּן זיך נישט אויף אַזוי פֿרי, און אַז אַזאַ שטייגער ייִד ווי ר׳ איטשע-וואָלף וועט נישט אַרויספֿאָרן פֿאַרן דאַווענען. אפֿשר אַ זייגער אַכט איז ער געקומען אָנצופֿאָרן, דער וואַלד-סוחר, אויף זײַן אייגענער בריטשקע. גייט דער זיידע אַקעגן:

– גוט מאָרגן, ר׳ איטשע-וואָלף...

נישט צופֿרידן האָט דער גביר געהייסן דעם גוי אָפּשטעלן די בריטשקע.

– גוט מאָרגן, גוט יאָר. וואָס וויל אַ ייִד?

– ס׳עפּעס די מעשה, – פֿרעגט דער זיידע „פּראָסטאָ זמאָסטו"[6] – ר׳ איטשע-וואָלף טרעט קיין מאָל נישט אָפּ בײַ מיר אין הויז?

צי ווייסט נישט ר׳ איטשע-וואָלף, אַז אין דאָרף איז אַ ייִד פֿאַראַן, און אַז מען דאַרף אים מהנה זײַן מיט אַ מצווה?

– קאַרג מצוות אויף דער וועלט, – זאָגט דער וואַלד-סוחר – מוז זײַן דווקא הכנסת-אורחים?

– מאַ, – זאָגט דער זיידע – קאַ בית-מדרש איז דאָ נישטאָ, און לערנען אין די קליינע אותיעלעך קען איך אויך נישט...

– ר' ייִד, כ'עס נישט אין דער פֿרעמד, – וויל זיך דער סוחר אַרויסדרייען – „שחיטת חוץ...“[7]

– פֿלייש איז ביי מיר פֿאַראַן נאָר משבת לשבת, – זאָגט דערויף דער זיידע – און מילך, קעז און פּוטער איז בײַ מיר די כּשרסטע. מײַן ווײַב שטייט אַליין בײַ דער מעלק...

– גייט אײַך געזונטערהייט! – ווערט דער סוחר אומגעדולדיק

– וואָס ט'ער זיך עפּעס אָנגעטשעפּעט? – און צום פֿורמאַן: – מאַטשעיו, פֿאָר!

אָבער דער זיידע האַלט אײַן די פֿערד:

– איר'ט מוחל זײַן אַראָפּגיין, אָפּעסן, דערנאָך וועט איר ווײַטער פֿאָרן – זאָגט ער גאַנץ רויִק.

– עפּעס אַ מאָדנע חוצפּה פֿון אַ דאָרפֿס-ייִד!... שרײַט דער גבֿיר.

– ער קומט בעסער מיט מיר... – זאָגט דער זיידע געלאַסן, אָבער שוין אַ ביסל אויפֿגערעגט.

– דרך-ארץ, עם-הארץ!

– שוין זאָלט איר גיין מיט מיר – טענהט זײַנס דער זיידע שוין אין כּעס.

און אַז ר' איטשע-וואָלף האָט זיך געפּרוּווט אַמפּערן, האָט דער זיידע אויפֿגעהויבן דעם סענקעוואַטן שטעקן:

– שוין זאָג איך אײַך!... אַז נישט צעברעך איך אײַך די ביינער!... מנע!... אַ ייִד זאָל וועלן דעם גאַנצן לויתן מיטן שור-הבר?!... און איך וואָס בין? אפֿשר נישט קיין ייִד?...

נו, מיינט איר, אַז ר' איטשע-וואָלף איז נישט געווען דעם זיידנס אורח? און נאָך אַ מאָדנע אורח!... הערט און שטוינט: ער, ר' איטשע-וואָלף, איז דערנאָך געוואָרן דעם זיידנס מחותּן...

דער דאָזיקער ייִחוס, וואָס האָט זיך דעם זיידן צוגעקלעבט, איז אפֿשר געווען זײַן גרעסט אומגליק, אַז נישט – וואָלטן נאָך זײַנע קינדס-קינדער אויף הײַנטיקן טאָג געווען געזונטע אײַנגעפֿונדעוועטע פּויערים.

און אפֿשר איז דאָס אַ טעות: צו נאָענט איז געווען די שטאָט, און געלאָקט האָט זי, די שטאָט, מיט איר באַקוועמלעכקייט, איידלקייט און גרינגע פּאַרדינסטן.

סײַ-ווי, פֿון יענעם טאָג אָן איז ר' איטשע-וואָלף געווען אַ שטענדיקער גאַסט בײַם זיידן אין שטוב, און נישט זעלטן פֿלעגט ער בלײַבן אויף אַ שבת. מילא, זענען דאָס געווען שבתים... אמתע רבישע טישן מיט תּורה און כּל-טוב.

עס טוט זיך נישט אַזוי לײַכט, ווי עס רעדט זיך.

דער זיידע איז זיך טאַקע געווען אַ גאַנץ ערלעכער ייִד, אָבער פּאָרט אַ דאָרפֿסמאַן אין אַ קאַפּטן, און ר' איטשע-וואָלף איז געווען דער ברייטער באַלעבאָס מיטן שמוישענעם היטל, מיטן טכוירן פּוטער... אין ענין, ווײַטער, פֿון די „קליינע אותיעלעך“, איז אויך געווען אַ קליין פּיצעלע חילוק: ר' איטשע-וואָלף האָט געקענט דרײַהונדערט בלאַט גמרא פֿון אויסווייניק, און דער זיידע האָט „אויך“ געזאָגט אויפֿן קול אַ קאַפּיטל תּהילים פֿון סידור אַרויס. הכּלל, קיין פּאָר מחותּנים פֿון ששת ימי בראשית זענען זיי

נישט געווען, און פֿונדעסטוועגן בלײַבט עובדא – עובדא: דעם זיידנס ייִנגערער זון האָט חתונה געהאַט מיט ר׳ איטשע־וואָלפֿס טאָכטער.

נישט מער, יעדע זאַך מוז דאָך האָבן איר סיבה, איז די סיבה דאָ געווען אַזאַ: אין איין שיינעם העלן טאָג איז ר׳ איטשע־וואָלף געוויר געוואָרן, אַז ער איז, לא־עלינו, אויס קאַפּעליוש־מאַכער... שוין האַרט פֿאַר דאַנציק, האָט דער ווינט צעיאָגט זײַנס אַ גרויסע טראַנספּאָרט האָלץ אויף שבעה־ימים, אַז מען האָט קיין צוויי שייט נישט געקאָנט צוזאַמענגענעמען. צו די דאָזיקע צרות איז נאָך האָלץ שטאַרק געפֿאַלן אין פּרייז, דעם וואַלד האָט נישט געלוינט צו האַקן, און ער האָט געמוזט איבערלאָזן דאָס האַנט־געלט ביי די פּריצים. וואָס איז דאָ לאַנג צו רעדן: ר׳ איטשע־וואָלף איז געוואָרן, לא־עלינו, אויס פֿלאָקנשיסער, נאָך מיט אַ שמיצעלע דערונטער. בלית־ברירה, האָט מען אָנגעהויבן באָרגן געלט, ווו עס האָט זיך געלאָזט. אַ בעל־חוב איז אייגנטלעך ר׳ איטשע־וואָלף שטענדיק געווען: געהאַט פֿאַרשידענע נדנים־געלטער בײַ זיך, דין־תּורה־געלטער. דער חילוק איז אָבער, וואָס אַ מאָל האָט מען צו אים די דאָזיקע געלטער געטראָגן, ווי צו אַ בעל־בטוח, בשעת איצט האָט ער זיך געמוזט באָרגן אויף אַ וועקסעלע, צאָלן פּראָצענט, און אָנקומען נאָכן געלט אין אַזעלכע לעכער, צו אַזעלכע ברואים, מיט וועלכע ער וואָלט קיין מאָל נישט געוואָלט האָבן קיין מגע־ומשא. ווײַל וויסן מוז מען, אַז צו יענער צײַט האָט מען נאָך דאָס מין באָרגן געלט אין די בענק נישט געוווסט.

הקיצור, אַרום חנוכּה־צײַט האָט ר׳ איטשע־וואָלף געבאָרגט בײַם זיידן טויזנט קאַרבן מיט אַ טערמין ביז ראש־חודש אדר,

אָבער ס'איז שוין פּורים, און קיין געלט זעט מען נישט. ס'איז שוין ראש-חודש ניסן, און ר' איטשע-וואָלף ווײַזט זיך אפילו נישט.

ערב פּסח, פֿאָרט דער זיידע אין שטאָט אַרײַן נאָך מצות. פֿרעגט ער זיך אַזוי בײַ זײַטיקע מענטשן אויף ר' איטשע-וואָלפֿן, ענטפֿערט מען: ס'איז קוראַנט ווי אין דער באַנק. פֿרעגט ער אַ צווייטן, פֿאַרציילט שוין יענער, אַז ר' איטשע-וואָלף איז אַרונטער זיך מיט זײַן גאַנץ קאַפּיטאַל. איז זיך דער זיידע מישב – ער וועט פֿרעגן בײַ ר' איטשע-וואָלפֿן אַליין.

אָנגעקומען איז דער זיידע צו ר' איטשע-וואָלפֿן דורך דער קיך-טיר – דער זיידע האָט פֿײַנט געהאַט זיך צו פּאַקן דורך די פּאַראַדנע אריײַנגענג. – קומט ער אין קיך, טרעפֿט ער דאָרט ר' איטשע-וואָלפֿס ווײַב. „ר' איטשע-וואָלף איז אין דער היים?“ – פֿרעגט דער זיידע. „ערשט נישט לאַנג אַרויסגעגאַנגען“ – באַקומט ער אַן ענטפֿער.

דער זיידע איז געווען אַ פּראָסטער ייד, אָבער קיין פֿינגער אין מויל אַרײַן האָט מען אים נישט באַדאַרפֿט לייגן; און באַמערקט האָט ער, נאָך אין דרויסן, דורכן פֿענסטער, ווי ר' איטשע-וואָלפֿס ווײַב רעדט עפּעס אַרײַן אין דער צווייטער שטוב; ווי די קאָלירן קומען איר אין פּנים אַרײַן בײַם רעדן. טראַכט דער זיידע: מען גענאַרט מיך. ער איז יאָ אין דער היים... הייסט ער באַהאַלט זיך...

„נו, איז וואָס באַהאַלט ער זיך פֿאַר מיר?“ – בייזערט זיך דער זיידע בײַ זיך אין האַרץ, שוין אַרויסגייענדיק פֿון קיך: „מילא, אַז ער האָט נישט אָפּצוגעבן דעם חוב – האָט ער נישט, אָבער וואָס בין איך: אַ בער, אָדער אַ גזלן?“

נעמט דער זיידע דרייט אויס דעם דישעל, און צוריק צום וואַלד-סוחר אין קיך אַרײַן.

– איר וועט נישט קיין פֿאַריבל האָבן, ר׳ איטשע-וואָלפֿס ווײַב, אַז איך וועל דאָ צווואַרטן אויף אײַער מאַן – זאָגט דער זיידע, און נישט וואַרטנדיק אויף קיין תּשובה, צעזעצט ער זיך ברייט אויף דעם קיך-טאַפּשאַן.

ס׳גייט אַדורך אַ האַלבע שעה, אַ שעה. דער זיידע זעט, ווי ר׳ איטשע-וואָלפֿס ווײַב איז אויפֿגערעגט, דרייט זיך הין און צוריק, ווי איינער זאָגט: אַן אָנטשעפּעניש פֿון אַ דאָרפֿס-ייד!... אָבער קיין לשון האָט מען נישט: פֿאָרט אַ בעל-חוב פֿון טויזנט קאַרבן. דער זיידע זיצט, ווי נישט אים מיינט מען...

פּלוצלינג עפֿנט זיך די טיר פֿון דער צווייטער שטוב, און ס׳קומט אַרײַן ר׳ איטשע-וואָלף. פֿאַרשעמט, באַהאַלט ער דאָס פּנים אין דער באָרד.

– זײַטשע מוחל... – זאָגט ער צום זיידן.

דער זיידע גייט אַרײַן אין דער צווייטער שטוב אַרײַן. ר׳ איטשע-וואָלף בעט אים זיצן.

– איר זענט געקומען נאָך אײַער חוב – זאָגט ר׳ איטשע-וואָלף אומעטיק, און די ליפּן שאָקלען זיך בײַ אים.

– חוב, נישט חוב, – זאָגט דער זיידע מיט געבייזער – אָבער וואָס באַהאַלט מען זיך פֿאַר מיר?

– כ׳וועל אײַך זאָגן דעם אמת – ענטפֿערט ר׳ איטשע-וואָלף – כ׳שעם מיך פֿאַר אײַך און... כ׳האָב פֿאַר אײַך מורא.

– מורא?... – וווּנדערט זיך דער זיידע – וואָס בין יעך, חלילה, אַ גזלן? אַ בער?...

ווערט שוין ר׳ איטשע-וואָלף דערמוטיקט, אי פֿון זיידנס רייד, אי פֿון זײַן מילד פּנים, כאַפּט ער זיך אָן בײ דער באָרד און לערנט פּשט:

– איך געדענק נאָך גוט, ר'... ר'... האָט קיין פֿאַריבל נישט, ווי איז אײַער נאָמען?... איך געדענק נאָך גוט דעם סענקעוואַטן שטעקן, וואָס איר האָט אויף מיר אויפֿגעהויבן, ווען איך האָב נישט געוואָלט אַראָפּ פֿון דער בריטשקע... איז מה-דאָך, איך האָב אײַך בלויז פּוגע-בכּבֿוד געווען, זענט איר גרייט געווען צו דורסן, מכּל-שכּן נאָך, אַז איך בין אײַך אַ בעל-חוב פֿון טויזנט קאַרבן...

האָט זיך דער זיידע אַ ביסל פֿאַרשעמט. ס'האָט אים פֿאַרדראָסן אויף זיך: „אַ ייִד ווי געטון..." פֿרעגט ער:

– קאָנט איר מיר טאַקע, ר' איטשע-וואָלף, איצט דעם חוב נישט אָפּגעבן?

– כ'קאָן אסור נישט איצט – זאָגט דער וואַלד-סוחר.

– און צו יום-טוב גייט... – זאָגט אַזוי ווי פֿאַר זיך דער זיידע.

– און אויף יום-טוב איז אוודאי נישטאָ, – כאַפּט אונטער דער זיידע – האַ?... געטראָפֿן?... איז וואָס-זשע שווײַגט מען?... איז וואָס-זשע, אַז מען באָרגט בײַ מיר נאָך עטלעכע הונדערט קאַרבן? וואָס האָט מען מורא, אַז עס וועט חלילה נישט זײַן אָפּצוגעבן און וו איז בטחון, ר' איטשע-וואָלף?...

נו מילא, וואָס איז דאָ לאַנג צו ברײַען... דער זיידע האָט געבאָרגט נאָך דרײַ הונדערט קאַרבן, און עטלעכע וואָכן נאָכן פּסח האָט ר' איטשע-וואָלפֿן אָפּגעגליקט צו פֿאָרקויפֿן גוט אַ טראַנספּאָרט געהילץ, און ער האָט געקאָנט אָפּגעבן דעם גאַנצן חוב מיט אַ גרויסן שיינעם דאַנק פֿאַר אַ צולאָג, ווײַל, ווי געזאָגט, קיין פּראָצענט האָט דער זיידע נישט גענומען.

און ווי ר' איטשע-וואָלף האָט נישט געזאָלט פֿײַנט האָבן אין האַרץ אַן עם-הארץ, און ווי ער זאָל נישט געדענקען אָן דער גמרא „אַן עם-הארץ מעג מען צערײַסן ווי אַ פֿיש", האָט ער דאָך

געמוזט מודה זײַן, אַז בטחון זאָל מען זיך גײן לערנען דווקא בײַ דאָרפֿישע ײדן.

יאָ. דאָס איז געווען איין מאָל אַ מעשה. אָבער נסים טרעפֿן זיך נישט אַלע טאָג, און אַזוי ווי ר׳ איטשע-וואָלפֿן האָט זיך געהאַט צוגעטשעפּעט די אָרימקייט, אַזוי האָט זי זיך נישט געוואָלט פֿון אים אָפּטשעפּען. ער איז געגאַנגען מטה, מטה – אַראָפּ, אַראָפּ, און געוואָרן, לא-עלינו, מיט יעדן טאָג אַ גרעסערער אָרימאַן.

אָט אַזוי איז עס צוגעקומען דערצו, אַז ר׳ איטשע-וואָלף האָט זיך משדך געווען מיטן זיידן.

און אפֿשר וואָלט גאָר דער זיידע נישט געוואָלט שטײַגן אַזוי הויך, נאָר פֿון איין זייט האָט זיך דאָ אַרײַנגעמישט ר׳ איטשע-וואָלפֿס רבי אַליין – אַ הימל-זאַך – און פֿון דער צווייטער זײַט איז דער זיידע געווען גוט אָנגעלערנט מיטן שידוך פֿון זײַן ערשטן זון, וואָס איז נעבעך אַריינגעפֿאַלן אין גראָבע הענט און אַ גאַנץ לעבן זיך געמוטשעט – סײַ-ווי, זעט אויס, די זאַך איז געווען אַ באַשערטע...

געננוג איז אויך די מעשה מיט דעם עלטערן זונס שידוך און ווײַזט דערויף, אַז דער זיידע, כאָטש אַ פּשוטער, האָט ליב געהאַט אַ וויץ, אפֿילו ווען עס איז אים גאָר שווער געווען אויפֿן האַרץ.

דעם ערשטן שידוך האָט דער זיידע געטון מיט אַ שטאָטישן מילנער, אַ ייִד זײַנס גלײַכן; אָבער ווי ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויס געוויזן, איז יענער געווען אַ גראָב נפֿש און אַ קמצן. נאָך דעם ווי מ׳האָט שוין געהאַט אָפּגעשמועסט אַ זמן-חתונה, פֿרעגט דער זיידע, גלאַט אַזוי צו פֿרעגן:

– ווי מיינט דער מחותּן איז גלײַכער צו קומען: מיט דער פֿור, צי מיט דער באַן? – (די באַנען זענען דעמאָלט נאָר-וואָס געהאַט אויפֿגעקומען).

ענטפֿערט דעם זיידנס מחותּן, ווי צו אַ גראָב נפֿש צושטייט:

– נאַדיר גאָר באַנען!.. פֿון מײַנעט וועגן קאָנט איר זיך רוקן אויפֿן אחור...

נו, פֿרעגט שוין נישט... האָט זיך דאָס דער זיידע גערוקט!... איז דאָס געווען אַ רוקעניש!...

מען האָט שוין די כּלה באַזעצט, מיידלעך טאַנצן, דער מאַרשאַליק באַזינגט, קלעזמאָרים שפּילן – די מחותּנים פֿון חתנס צד זענען נישטאָ. ס׳ווערט נײַן דער זייגער, שוין צען, שוין האַלבע נאַכט – דער חתן איז נישטאָ. די מיידלעך פֿאַלן פֿון די פֿיס, די ליכט גייען אויס, מען שיקט אַרויס אויף וועגן רײַטערס, מען קלערט שוין איבער: אפֿשר עפּעס אַן אומגליק געשען? – אָבער גאָרנישט: מען הערט נישט, מען זעט נישט...

ערשט צו מאָרגנס, אַרום דרײַ בײַ טאָג – די מחותּנים מיטן חתן קומען אָן גאַנץ און געזונט, גלײַך נישט זיי מיינט מען... נו, פֿרעגט שוין גאָרנישט, וואָס דאָרט איז געווען! מען האָט זיך שיער געשלאָגן. עס האָט שוין געהאַלטן דערבײַ, מען זאָל אָפּלאָזן דעם שידוך, נאָר מענטשן האָבן זיך ארײַנגעמישט און שלום געמאַכט. אָבער די בושה פֿון דער כּלה!... ערשט גיי מאַך אַ פֿרישע חתונה, גרייט צו אַ פֿרישע סעודה, די געסט זאָלן זיך קאָנען אָנפֿרעסן און אָנכליאָיען[8]. אַז דער קמצנישער מילנער האָט דאָס אויסגעהאַלטן, איז ער געווען אויס אײַזן.

ביַי דער „גילדערנער יויך“, ווען ער האָט זיך שוין אַ ביסל באַרויִקט, דער מחותּן פֿון כלהס צד, טוט ער אַזוי אַ ברום מיט פֿאַרדראָס:

– זעך גאָרנישט געקאָנט אויספּאָרן...

– אַז מ׳אי גאָרנישט געפּאָרן – זאגט דער זיידע.

– ס׳הייסט, מחותּן?...

– ס׳הייסט: מ׳אָט זיך גערוקט... לויטן מחותּנס עצה...

– מחותּן מאַכט חוזק!... ס׳טייטש: גערוקט?...

– גערוקט... נו... אויפֿן אחור...

אָ! דער זיידע האָט געקענט אָפּטון אַ שפּיצל אויף טערקיש און אַריינזאָגן אויך...

אָבער מיטן שידוך איז דער זיידע אַרייַנגעפֿאַלן צו אַ גראָבן יונג אין דער האַנט און מהאי-טעמא[9] זיך נאָך מער גענומען רייַבן אָן די איידעלע לייַט, און – זיך שלעכט אויסגעריבן...

ער – ווי ער, אָבער די קינדער זייַנע איז עס געגאַנגען, ווי אַ רשע אויף יענער וועלט...

די „גוטע-יאָר“ האָבן אים געצויגן, דעם זיידן, צו שטאָט... צו מענטשן...

דער ייִנגערער זון דעם זיידנס – ירוחם האָט ער געהייסן, נאָכן עלטערזיידן – האָט גאָרנישט געהאַט קיין ליכטיק לעבן. אַ ייִנגל – האָט ער ליב געהאַט פֿערד, ס׳האָט אים געצויגן צו דער מיל, צו פֿעלדער, צום סטאַוו מיט פֿיש; אָנשטאָט דעם אָבער, האָט ער געמוזט שלאָפֿן בייַם שטאָטישן מלמד אויפֿן פּיעקעליק און לערנען די הייליקע תּורה. אַלע מאָל איז ירוחמל אַנטלאָפֿן אַהיים, און יעדעס מאָל האָט מען אים מיט גרויס „פּאַראַד“ צוריקגעפֿירט אין חדר אַרייַן. פֿאַר אַ שטראָף פֿלעגט מען דאָס

בחורל אַלע אין דער פֿרי אָפּשמײַסן, און געשמיסן האָט נישט בלויז דער רבי מיטן קאַנטשיק, נאָר אַלע תּלמידים האָבן געהאַלטן ריטער אין די הענט און יעדער האָט געגעבן אַ שמיץ. דער שטייגער בײַ אַזאַ מלקות איז געווען, אַז ווען אַ ייִנגל האָט געהאַט אַ בייז האַרץ אויפֿן געשמיסענעם, האָט ער געגעבן אַ שטאַרקן ריס, און ווען ער איז געווען „חבר“, האָט ער געגעבן אַ לײַכט שמיצעלע, למראית-עין; אַזוי ווי אָבער אויף דעם דאָרפֿס-ייִנגל האָבן אַלע געהאַט אַ בייז האַרץ, ווי אויף אַ „מאַטשעק“, אַ דאָרפֿס-יונג, האָט יעדער אַרײַנגעלייגט דעם גאַנצן כּוח. ירוחמל האָט נישט געוויינט, – ער איז געווען אַ עקשן – אָבער ווײ געטון האָט אים פֿונדעסטוועגן, און ער האָט געשלונגען די טרערן.

דערנאָך, אַז מען האָט אים חתּונה געמאַכט מיט ר׳ איטשע-וואָלפֿס טאָכטער, מען האָט אים אַרײַנגעשטופּט אין אַ זײַדענער בעקעשע, איז אים געוואָרן נאָך ערגער:

דאָס יונגע, פֿרומע ווײַבל האָט אים דעם טויט געמאַכט מיט איר צניעות, מיט אירע זיבן מאָל זעקס-און-דרײַסיק טבילות, און אַ גאַנץ לאַנגע צײַט האָט געדויערט, ביז ער האָט זיך צוגעוווינט צו איר.

מיט דעם זײַדנצײַג, איבעריקנס, האָט זיך דער זיידע אויך נישט איבעריק גוט געפֿילט. שטעלט זיך פֿאָר: אַ מענטש איז געוווינט אַ גאַנץ לעבן אין קאַפּאָטעס פֿון פּויעריש צײַג, און דאָ, אויף דער עלטער, צו ירוחמלס חתּונה, האָט ער געמוזט אויף זיך אַרויפֿציען דעם „בגד-משי“. ער קער וויסן, אַז ר׳איז פֿון הײַנט אָן ר׳ איטשע-וואָלפֿס מחותּן – האָט מען אים אײַנגערוימט אויפֿן אויער.

נו, מילא... דער זיידע האָט פֿאַרציילט, אַז ער האָט זיך אין דעם זײַדענעם בגד געפּילט אַזוי לײַכט, אַז ס׳האָט זיך אים כּסדר גערדאָכטן: ער גייט אין די אונטערוועש...

אַז[10] האָט זיך אָבער ירוחם צוגעווינט צו זײַן ווײַב, און די צנועה האָט זיך צוגעווינט צו איר מאַן, איז עס געגאַנגען, ווי פֿון אַ לעכערדיקן זאַק... הענעלע – אַזוי האָט געהייסן ירוחמס ווײַב – האָט שטענדיק געטראָגן אַ בויך אונטער דער נאָז, און געשיט מיט קינדערלעך, ווי אַ קאָזע מיט באָבקעס – אַלע יאָר אַ קינדעלע.

נאָך צוועלף יאָר צוזאַמענלעבן פֿון פּאָרפֿאָלק, האָבן נאָר צוויי געפּעלט צו אַ טוץ. שטענדיק זענען אין שטוב געהאָנגען נאַסע ווינדעלעך. דרײַ שוואַלבן האָבן זיך אַריבערגעפּעקלט אויף יענער וועלט פֿון פֿאַרשידענע עפּידעמיעס: פּאָקן, שאַרלעך, דיפֿטעריט... אַ פּערטס האָט דער קברן געגומען אין בוזים פֿון זײַן גרויסן, שוואַרצן כאַלאַט, שוין אַ היפּש ילד; און שוין גאָר צום סוף, נאָך אַ הפסקה פֿון שיינע יאָרן, איז בײַ הענעלען געבוירן געוואָרן אַ קליינס, אָבער גאָר אַ פּיטשינקס – אַ זיבעלע, און מיט דעם דאָזיקן „אויסקראַצעכץ“ האָט זיך הענעלעס טראַכט פֿאַרמאַכט.

דאָס איז שוין געשען אין דער סאַמע מלחמה ווען איבערן שטעטל זענען געפֿלויגן גראַנאַטן, אין אַ קעלער, צווישן צרות און פּײַן. דער טאַטע איז דערבײַ שוין נישט געווען. דעם טאַטן ירוחם האָבן קאָזאַקן מיטגעשלעפּט אַלס „זאַקלאַדניק“ און אויפֿגעהאָנגען צוזאַמען מיט נאָך אַ מנין ייִדן הינטער פּראַשניק. וועגן דעם דאָזיקן צאָרן, וועגן דעם מאַנס קידוש-השם, האָט זיך הענעלע דערוווּסט ערשט שפּעטער, ווען זי איז אויפֿגעשטאַנען פֿון דער קימפּעט, און אין שטעטל זענען געווען די עסטרײַכער.

דאָס אומגליק האָט זי אויפֿגענומען כּמעט גלײַכגילטיק. זי האָט גאָרנישט געזאָגט: האָט נישט געוויינט, האָט נישט געקלאָגט, האָט נישט געריסן די האָר פֿון קאָפּ. זי האָט אָנגעהויבן אַ סך צו דאַווענען, געזאָגט תּחינות מיט אַ טרוקן קול. זי האָט געזאָגט טעג, געזאָגט נעכט, און צום זאָגן האָט גאָר קיין סוף נישט גענומען...

זי איז משוגע געוואָרן פֿאַר צרות, הענעלע ר׳ איטשע-וואָלפֿס, און איין מאָל, ווען קיינער איז אין שטוב נישט געווען, האָט זי זיך אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון גאַניק און געשטאָרבן אין גרויסע יסורים.

אַ תּכלית אַזאַ פֿון טאַטע-מאַמע און עלף קינדער... דאָס זייגלינג האָט מען געגעבן צו אַ פּויערטע אויפֿן דאָרף צו דערציִען; די איבעריקע, בײַם לעבן געבליבענע קינדער, האָט משפּחה אין פֿאַרשידענע שטעט צו זיך גענומען. דער זיידע איז געווען אַ מכניס-אורח – האָבן זײַנע אייניקלעך אין די ווינקלען בײַ פֿרעמדע טישן געגעסן... צוגעוואַרימט... אַז אָך און ווײ טאַטע-מאַמע אין קבר...

דער עלטסטער פֿון די יתומים האָט געהייסן נתן און איז געוואָרן אַ פּראָסטער אַרבעטאָרער – אַ גאַרבער; און דער צווייטער נאָך אים האָט געהייסן שמעון – שמעון שיפֿריס האָט ער געהייסן. ער האָט זיך געבילדעט, געהאַלטן גוט די פֿעדער אין דער האַנט און געמאַכט אַ קאַריערע...

Copyright © 2005 Leonard Prager. All Rights Reserved.

## Notes

[1] **כּל-ימו** – Normally כּל-ימיו.

[2] **זינגען מה-יפֿית** – fawning before one's master, singing the Friday night hymn :literally. See the Khone Shmeruk 1994 essay in *Tarbiz* 63, 119-133.

[3] **כּטוב לב הפּריץ בייִן** – when the squire feels good drinking his wine. See the Book of Esther, 1:10.

[4] **גראַסעווען** – to prowl, to maraud.

[5] **פּאָשליאַדעק** – buttock, bum.

[6] **פּראָסטאָ זמאָסטו** – straight out with it.

[7] **שחיטת חוץ** – outside, therefore lax slaughtering.

[8] **אָנכליאָיען** – to ‘gulp down’; *Groyser verterbukh* cites this instance alone.

[9] **מֵהַאי-טֵעמא** – for this reason.

[10] **אַז** – *דאַז* is what the text has. A printing error?